כרגיל צו אפלערנען א משנה אין פרקי אבות, פון דעם פרק וואס מ׳זאגט אין די שבתות שבין זמן חירותינו מיט זמן מתן תורתינו, וואס שבת פאר שבועות לערנט מען דאך די משניות (אדער ברייתות) פון פרק ששי, וואס פרק ששי רופט זיך אן "קנין תורה", [וואס דאס איז דאך פארבונדען מיט דעם שבת, ווייל דאס איז דאך א הכנה צו מתן תורה] וועט מען זיך שטעלן אויף א משנה אין דעם פרק, און מבאר זיין בקיצור עכ"פ און מער באריכות אין שבועות זמן מתן תורתינו.

וואס אין די ערשטע משנה זאגט ער "ר׳ מאיר אומר כל העוסק בתורה לשמה זוכה לדברים הרבה" און ער רעכנט אויס כמה דברים ביז "מגדלתו ומרוממתו על כל המעשים".

וואס דא איז לכאו׳ ניט פארשטאנדיק:

א) דער ענין פון פרקי אבות איז דאך ענינים פון מילי דחסידותא - לפנים משורת הדין, איז וואס זאגט דא ר׳ מאיר א גאנצע משנה אז דער וואס לערנט תורה לשמה וועט ער האבן אסאך שכר, וואס זיינען די מילי דחסידותא וואס ר׳ מאיר וויל דא זאגן?

ב) ר׳ מאיר זאגט דא אז דער וואס לערנט תורה לשמה, וועט ער האבן

- שכר -

הנחה הת׳ בלתי מוגה

שכר, וואס דאס איז דאך לכאו' ניט פארשטאנדיק, ווייבאלד אז דא רעדט מען דאך וועגען אייניעם וואס לערנט תורה לשמה, שלא ע"מ לקבל פרס, איז וואס פאסט דא זאגן אים אז ער וועט האבן שכר, דאס איז דאך היפך הענין פון לימוד תורה לשמה, אדרבה מ'דארף אים דאך מעודד זיין ער זאל לערנען לשמה, און ניט זאגן אז ער וועט האבן שכר,

זאגן אזא ענין איז שייך ווען מ'וויל פועל'ן אויף אים ער זאל מקיים זיין תומ"צ, זאגט מען אים אז אויב ער וועט מקיים זיין תומ"צ וועט ער האבן שכר, ע"ד ווי מ'זאגט למען יאריכו ימיך, וואס דאס וועט פועל'ן אויף אים אז ער וועט מקיים זיין תומ"צ, וואס דערפאר איז אין אנדערע משנות (ברייתות) פון דעם פרק רעדט ער די מעלות פון עוסק בתורה - ווײלע ס'רעדט זיך ניט וועגען עוסק בתורה לשמה; אבער דא רעדט מען דאך וועגען אייניעם וואס לערנט שוין תורה, איז וואס זאגט מען אים אז ער וועט האבן שכר, למאי נפק"מ ער לערנט דאך תורה לשמה, אדרבה אויב דאס וועט פועל'ן בא אים ער זאל לערנען, איז דאך דאס א הוכחה אז ער לערנט ניט תורה לשמה?

ג) ר' מאיר זאגט דא אז דער וואס לערנט תורה לשמה איז "מרחקתי מן החטא", פרעגט זיך די שאלה, דאס איז דען דער אופטו פון תורה לשמה? אויף דערויף דארף מען אנקומען צו תורה לשמה? יראת העונש, אדער בלשון החסידות יראה תתאה, איז דאך אויך גענוג ער זאל ניט טאן קיין חטא, און ווי ער זאגט שוין פריער (פ"ג מ"א) "הסתכל בשלושה דברים ואין אתה בא לידי עבירה", וואס דאס איז א פשוט'ע התבוננות, עכ"פ בפשטות העינינים - איז דאך דאס שוין גענוג אז ער זאל ניט טאן קיין חטא,

איז דא נאכדעם וואס ער האט שוין אפגעלערנט גאנץ אבות, און ער קומט צו פרק ששי, און ער שטייט שוין אין דער דרגא פון עוסק בתורה לשמה, זאגט מען אים אז דורך דעם וואס ער לערנט תורה לשמה איז מרחקתי מן החטא?

ד) עד"ז איז ניט פארשטאנדיק וואס ער זאגט אז דער וואס איז עוסק בתורה לשמה איז ער "אוהב את המקום" וואס לכאו' אויף דעם דארף מען ניט אנקומען צו תורה לשמה, דאס איז דאך א מצוה אז ס'דארף זיין אהבה ה' ווי ס'שטייט ואהבת את ה' אלוקיך?

ה) עד"ז אויך וואס ער זאגט "אוהב את הבריות" וואס בריות מיינט דאך ווי ער זאגט אין תניא פרק לב הידוע, אז אפילו די וואס האבן אין זיך קיין מעלה, די איינציקע מעלה וואס ס'איז דא אין זיי בגילוי איז, אז זיי זיינען דעם אויבערשטנ'ס בריות, איז צו זיי דארף אויך זיין אוהב את הבריות, איז דאך לכאו' ניט פארשטאנדיק וואס דארף מען אנקומען צו תורה לשמה אז ס'זאל זיין דער ענין פון אוהב את הבריות, ס'איז דאך א מצוה פון ואהבת לרעך כמוך? וכפי שיתבאר לקמן.

(אמר: אזוי ווי מ'רעדט דאך וועגען תורה איז דאך דא מוסדות תורה אהלי תורה, ונתן משקה לר' י.מ.ס. עבוד הדינר של אהלי תורה).

בנוגע צו דעם ביאור אין פרקי אבות, אז דאס וואס ר"מ זאגט אז כל העוסק בתורה לשמה איז ער זוכה לדברים הרבה מיינט דאך ניט צו זאגן אז ער זאל לערנען לשמה, נאר ר"מ קומט באווארענען אז ס׳קען דאך זיין אז איינער וועט לערנען תורה לשמה און ער וועט דערנאך האבן כבוד, און ער וועט נושא חן זיין בא מענטשן, און ער וועט ווערן א רב, און א מנהיג בא אידן, ביז אז מגדלתי ומרממתי על כל המעשים, קען דאך זיין אז אימיצער וועט טראכטן וויבאלד אז ער האט די אלע ענינים איז א ראי׳ אז ער האט ניט געלערנט תורה לשמה, ווארום אויב ער לערנט תורה לשמה איז ווי אזוי האט ער כבוד, און ווי איז ער געווארן א רב, מוז מען דאך ע זאגן אז ער האט זיך משתדל געווען אויף נושא חן זיין בא יענעם וכו׳, האט ער ניט געלערנט תורה לשמה, נאר ער האט געלערנט תורה ע"מ להיות רב וכו׳,

און אויף דערויף זאגט אים ר"מ, אז דער וואס לערנט תורה לשמה איז במילא האט ער די אלע ענינים, במילא דארף מען ניט זאגן אז דאס איז א ראי׳ אז ער לערנט תורה ניט לשמה, ווארום מ׳דארף אים ניט ארויסנעמען פון זיין חזקת כשרות אז ער איז א לומד תורה לשמה, און ממילא האט ער דיאלע ענינים, ס׳איז טאקע מלבשתו ענוה ויראה, אבער ס׳ווערט דער אמת׳ער מגדלתי ומרממתי על כל המעשים.

דערנאך זאגט ער אז ער ווערט א אוהב את הבריות, און משמח את הבריות, וואס דער ביאור אין דערויף איז:

וויבאלד אז אין תורה איז דאך דא "יש ששים רבוא אותיות לתורה" ווייל יעדער איד האט אן אות אין תורה, איז בדי ער זאל זיין אקאוה אין א ...כשר׳ע ס"ת, ווייס ער אז ער דארףאנקומען צו אלע ששים רבוא (אע"פ אז ער פארשטייט ניט ווי אזוי דאס איז), און דערפאר איז ער אוהב את הבריות, און משמח את הבריות.

און דאס איז אויך פארבונדען מיט לימוד תורה לשמה, ווארום א ס"ה דארף דאך זיין געשריבן לשמה, איז דורך דעם וואס ער לערנט תורה לשמה, ווערט זיין אות אין תורה אן אות לשמה,

און דאס איז וואס ער זאגט "ומרחקתי מן החטא וקרבתי לידי זכות", וואס דער ביאור אין דערויף איז:

אז וויבאלד אז ער איז פארקאכט אין תורה לשמה, אן ער לערנט ניט אויף צו וויסן את המעשה אשר יעשה, קען ער דאך טראכטן אז ער דארף ניט לערנען ענינים פון הלכה, און אויף דערויף זאגט מען אים, אז די איינציקע וועג אויף צו וויסן הלכות, איז פשוט זיצן און לערנען די ענינים פון הלכה, און אויב ניט וועט ער זיי ניט וויסן,

און דאס וואס דער לימוד התורה לשמה פועל׳ט, איז דאס מערנים

– אז –

<u>הנחה הת׳ בלתי מוגה</u>

אז מרחקתי מן החטא, ומרחקתי לידי זכות, ד.ה. אז דאס היט אים אפ פון עניגים של שוגג אדער אונס, ווארום לא יאונה לצדיק כל און וועט ער ניט נכשל ווערן אין דעם, אבער צו פועל האט עס ניט, ער דארף פשוט לערנען ענינים פון הלכה, ברכות הנהנין, הלכות תפלה, און די דינים ווען מ׳מעג מפסיק זיין אין ברכת ק"ש, און הלכות מוקצה, ווי דער אלטער רבי ברייגגט אין סידור אז דאס איז הלכתא רבתי לשבתא, וואס ער ברייגגט דאסאראפ אין סידור ווייל דאס איז נוגע יעדערן, אז בע"ש זאל ער א קוק טאן אין שו"ע ער זאל ווידע את המעשה אשר יעשה.

און דאס וואס ער טענה׳ט אז ער איז לומד תורה לשמה, און א מאריך בתפלה, און ער גיט צדקה וכו׳, איז וואס דארף ער לערנען הלכות, ער וועט זאגן א קאפיטל תהילים, און ס׳איז דאך לא יאונה לצדיק כל און, וועט דאס טאקע העלפן, אבער צום פועל האט דאס ניט, ער דארף לערנען קיצור שו"ע, אדער שו"ע פון אלט׳ן רבי׳ן, ווארומאויב ניט וועט ער ניט וויסן צי דאס איז מוקצה אדער ניט.

און דאס איז וואס ער זאגט מרחקתי מן החטא, אז ס איז מערניט אז דאס היט אפ פון שוגג אדער אונס, אבער כדי ער זאל וויסן הלכות דארף ער לערנען די הלכות.

דערנאך זאגט ער כל העולם כולו כדאי לו, וואס דער ביאור אין דערויף איז:

ע"ד ווי דער רמב"ם איז נמבאר בסוף הל׳ תשובה, אז דאס וואס כ׳שטייט אין תורה יעודים גשמיים, וואס לכאו׳ איז למאי נפק"מ, וואס בפשטות לערנט מען אז דאס איז פאר אזא וואס אויב ניט פאר די יעודים וואלט ער ניט מקיים געווען תורה ומצות; לפי"ז האט ער ניט קיין שייכות צו אזעלכע וואס זיינען מקיים לשמה, זאגט אבער דער רמב"ם אז מ׳מיינט ניט זאגן אז ער וועט האבן שכר, נאר מ׳זאגט אים אז ער וועט קענען לערנען תורה במנוחה, און ער וועט ניט האבן קיינע ענינים המבלבלים, און דאס איז אויך דער ביאור פארוואס אין תורה שטייט ניט דער שכר פון עוה"ב, ווארום דערמיט מיינט מען ניט זאגן א ענין פון שכר, נאר אז ער וועט קענען לערנען תורה במנוחה.

און דער סדר אין דערויף דארף זיין, ווי דער רמב"ם זאגט, און אזוי זעט מען אויך בפועל, אז פריער לערנט ער תורה שלא לשמה, און דאס איז וואס מ׳זאגט אים אז ווען ער וועט לערנען תורה, וועט ער האבן שכר, און דערנאך ווען ער לערנט תורה לשמה, דעמולט זאגט מען אים אז ער וועט קענען לערנען תורה במנוחה, אן בלבולים.

און דאס איז וואס ער זאגט אז כל העולם כולו כדאי לו, אז ניט נאר אז וועלט וועט אים ניט מבלבל זיין, נאר אז כל העולם כולו איז כדאי לו,

דערנאך זאגט ער אז ונהנין ממנו עצה ותושי׳, וואס דער ביאור אין דערויף איז:

מ׳קאן דאך פרעגן וויבאלד ער לערנט תורה לשמה קען ער דאך ניט וויסן בנוגע צו ענינים גשמיים, איז ווי קען ער זיין א מנהיג בישראל, א מלך, און זאגן עצוה בנוגע צו ענינים גשמיים?

און אויף דעם זאגט מען אים, אז דאס איז ממ"נ, אויב ער ווייס ניט, וועט ער דאך ניט ענטפערן, און אויב ער זאגט אן עצה, איז דאך דער טייטש אז ער ווייס דאס פון תורה, ווארום זיין ענין איז תורה, במילא איז נהנין ממנו עצה ותושי׳.

- בהמשך -

הנחה הה׳ בלהי מוגה

ה. אזוי ווי מארגן וועט דאך זיין דער "כינוס תורה", איז מען דאך רגיל זאגן אן עניין אלס א השתתפות אין דעם כינוס תורה.

וואס דער כינוס תורה איז דאך אין אן אופן פון שקו"ט אין תורה, און יעדערער זאגט זיינע חידושים בתורה, ווארום יעדערער האט דאך א חלק

- אין -

אין תורה, ווי מ׳זאגט "ותן חלקנו בתורתך", וואס דאס איז מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש.

וואס דער ענין פון שקו"ט אין תורה איז שייך ערשט אין אסרו חג נאך שבועות, משא"כ שבועות גופא איז נאך ניט שייך דער ענין פון שקו"ט בתורה, ווארום שבועות איז דאך דער ענין פון מתן תורה, אז אידן באקומען די תורה, און דאס איז אין אן אופן אז על כל דיבור ודיבור פרחה נשמתן (שבת פח, ב), וואס דאס איז דאך תכלית הביטול.

וע"ד ווי ביי א תלמיד שיושב לפני רבו דארף דאך זיין "שפתותיו נוטפות מר" (שם ל, ב), ער שטייט אין א תנועה פון ביטול, אז די איינציקע זאך וואס ער טוט איז נאר הערן און קולט זיין דברי הרב, און ערשט נאך דעם וואס ער האט געהערט פון רב, קען זיין דער ענין פון הבנה והשגה און שקו"ט אין דברי הרב, אבער בשעת ער הערט פון רב, קען ניט זיין דער ענין פון עיון און שקו"ט און דברי הרב, ווארום (בלשון המובא בכ"מ) "איידי דטריד למבלע לא פליט".

ועד"ז איז בנוגע צו שבועות, וואס דעמולט באקומען אידן די תורה פון דעם אויבערשטן, במילא שטייען זיי אין א ביטול, ביז אז על כל דיבור פרחה נשמתן, און דערפאר קען ניט זיין דער עיון און שקו"ט אין תורה; ערשט נאך שבועות ווערט ער א מציאות, און ער איז מעיין אין תורה וכו׳.

וואס דער ענין אז ביי מ"ת איז פרחה נשמתן, איז דאס די דרגא פון לימוד התורה לשמה, אז דאס איז אינגאנצן ניט פארבונדן מיט מציאות העולם. ס׳איז דא דער לימוד התורה שלא לשמה, אז ער לערנט צוליב א תכלית, און אין דעם איז דאך דא כו"כ דרגות, וואס די העכסטע דרגא אין שלא לשמה איז אז ער לערנט כדי צו וויסן ווי אזוי מקיים זיין די מצוות וכו׳, וואס דאס איז דאך ניט תורה לשמה, נאר לאסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא, איז דאך דאס פארבונדן מיט די מציאות פון וועלט; משא"כ לימוד התורה לשמה, אז ער לערנט נאר לשמה, און ער האט ניט קיין כוונה צדדית אין דעם, איז דאך דאס אינגאנצן ניט פארבונדן מיט מציאות העולם.

און אזוי איז געווען די התחלה פון לימוד התורה אין עשה"ד - אין אן אופן פון לשמה, ווארום ס׳איז דאך געווען על כל דיבור ודיבור פרחה נשמתן, איז דאך דאס ניט פארבונדן מיט מציאות העולם.

און אזוי האט דאך געדארפט זיין, ווארום מ׳קען דאך ניט זאגן אז דער ענין פון פרחה נשמתן איז געווען במקרה ח"ו, אז דער אויבערשטער האט ניט משער געווען וואס וועט ארויסקומען פון דעם אופן הלימוד, במילא איז געווען פרחה נשמתן, נאר אזוי האט טאקע געדארפט זיין, אז מ"ת בפעם הראשונה דארף זיין לכל לראש אין אן אופן פון לשמה, וואס "כל חפציך לא ישוו בה" (משלי ג, טו), אפי׳ חפצי שמים (מו"ק ט, ב).

- דער סדר הלימוד איז, אז מ׳הויבט אן מיט שלא לשמה ווי מ׳זאגט לעולם ילמוד אדם שלא לשמה, ביז אין דעם אופן הכי נעלה פון שלא לשמה, אז ער לערנט כדי לידע את המעשה אשר יעשה, און דערנאך דארף זיין לימוד התורה לשמה (כנ"ל שיחה ב׳ בארוכה);

אבער במ"ת (בפעם הראשונה) האט געדארפט זיין דער סדר פון פרחה נשמתן (לשמה), וויבאלד אז דעמולט האבן אידן באקומען די תורה, וואס הודה איז דאך דעם אויבערשטנ׳ס שעשועים, ווי ס׳שטייט "ואהי׳ אצלו גו׳ שעשועים", און דאס האט מען געגעבן אידן, ווי מ׳זאגט "ונתן לנו את תורתו" - איז לכאו׳ ווי קענען אידן האבן אזא ענין וואס דאס איז שעשועים לפניו?!

- ווארום -

הנחה הה׳ בלתי מוגה

וואָרום מה-דאך אז מ'זאגט אז ס'קען ניט זיין "פילא דעייל בקופא דמחטא" (ברכות נה, ב), וויבאלד אז דער פיל איז א גרויסער גבול, און דער קופא דמחטא איז א קליינער גבול, קען ניט זיין אז דער פיל זאל אריינגיין אין קופא דמחטא. און דאס איז אויף אזוי פיל אפגעפרעגט, אז אפי' אין א חלום קען דאס אויך ניט זיין [וואס בשעת א מענטש שלאפט, שלאפט דאך אויך זיין שכל, און ס'בלייבט מערניט ווי דער כח המדמה; אעפ"כ קען ער זיך ניט מדמה זיין ווי א פיל גייט אריין אין א קופא דמחטא];

וואס פילא און קופא דמחטא זיינען דאך ביידע בעלי גבול, נאר דער פיל איז א גרויסער גבול, און דער מחט איז א קליינער גבול, און דער פיל איז דאך אויך ניט דער גרעסטער גבול, וואָרום ס'איז דאך דא גרעסערע זאכן פון א פיל, און א מחט איז אויך ניט דער קלענסטער גבול, וואָרום ס'איז דאך דא זאכן וואס זיינען לכתחלה קליין, און דערנאך קענען זיי ווערן גרויס ווי א פיל, און אעפ"כ זאגט מען אז ס'קען ניט זיין ליעולי פילא בקופא דמחטא.

און דא זאגט מען נאכמער: אידן באקומען דעם אויבערשטנ'ס תורה, וואס תורה איז דאך שעשועי הקב"ה, איז דאך פארשטאנדיק אז תורה איז א"ס, וואָרום אזוי ווי דער אויבערשטער איז א"ס, איז תורה (וואס זי איז זיינע שעשועים) אויך א"ס, און דאס באקומט א איד, און מ'זאגט אז ווען ער לערנט הורה פארשטייט ער דאס, און ס'איז א זיכערע זאך אז "יגעה ומצאה" - איז דאך דאס א זאך וואס האט ניט קיין שום הסברה אין שכל!

וואס דערפאר איז בשעת אידן האבן געהערט עשה"ד בשעת מ"ת, וואס דער דיבור איז דאך א"ס, און דער גוף איז דאך א מוגבל, האט דער גוף ניט געקענט פארטראגן דעם דיבור, און דערפאר איז געוועזן פרחה נשמתן, אז די נשמה איז ארויסגעגאנגען און געווארן העכער פון הגבלות הגוף, וואָרום דער גוף קען דאס ניט פארטראגן.

און דערנאך איז געווען ההזירה להם בטל תחי', וואס דאס מיינט דאך ניט אז די נשמה האט פארגעסן דעם דיבור, און דערפאר קען זי קומען צוריק אין גוף, וואָרום אויב אזוי דארף מען ניט אנקומען צו אן ענין מיוחד פון טל החי', ס'איז א פארשטאנדיקע זאך אז בשעת זי האט פארגעסן דעם דיבור, קען זי קומען צוריק אין גוף - נאר דער ענין פון טל תחי' איז, אז מ'האט געגעבן א כח מיוחד, אז אע"פ אז די נשמה האט געהערט דעם דיבור, זאל זי קענען נהצמצם ווערן אין גוף (ראה הניא פל"ו).

און דערנאך ווען מ'האט געהערט דעם צווייטן דיבור, איז ווייטער געווען פרחה נשמתן, אע"פ אז ער האט שוין פריער געהערט א דיבור מפי הגבורה, פונדעסטוועגן איז געווען נאכאמאל פרחה נשמתן, וואס דאס איז דערפאר וואס אזוי ווי הורה איז א"ס, אזוי זיינען אויך די עליוה אין הורה א"ס, אז יעדער עלי' איז באופן של בל"ג לגבי די פריערדיקע, דערפאר איז געווען נאכאמאל פרחה נשמתן, און אזוי איז געווען אין אלע עשה"ד, ווי ער זאגט אז על כל דיבור ודיבור פרחה נשמתן.

ובנוגע לעניננו: ווען אידן באקומען תורה, וואס זי איז שעשועים לפניו, דארף דאס זיין אין אן אופן פון פרחה נשמתן, און דאס איז געווען אלע אלע עשה"ד.

וואס מספר "עשר" איז כולל אלע ענינים, און דאס איז תכלית השלימוה, וואס דערפאר בעפינט מען אין אלע ענינים דעם מספר עשר, ע"ד ווי עשרה מאמרוה,און עשרה נסים וואס זיינען געווען אין ביהמ"ק, און

- עשר -

עשר נסים אין יצי"מ, און עד"ז ווען משיח וועט קומען וועט דעמולט זיין דער מנין העשירי פון אידן (במדב"ר פ"ב, יא), און ס'וועט זיין די שירה העשירית (מכילתא בשלח טו) - עד"ז איז עשרת הדברות, וואס דאס איז דאך תכלית השלימות אין תורה [און דאס איז אויך וואס ס'שטייט "וידבר אלקים את כל הדברים האלה", וואס דאס איז כולל גאנץ תושב"כ און תושבע"פ, און כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש עד סוף כל הדורות].

איז דער לימוד התורה אין מ"ת געווען אין אן אופן פון לשמה, אבער דאס איז געווען נאר במ"ת; אבער דער סדר העבודה ביי א אידן דארף זיין, אז פריער איז דא דער לימוד התורה שלא לשמה, ביז אין דעם אופן וואס ער לערנט כדי צו וויסן ווי צו מקיים זיין מצוות, און דערנאך איז ער עולה מדרגא לדרגא, ביז אז ער קומט צו דער דרגא פון לימוד התורה לשמה [נאר דער אנהויב אין מ"ת איז געווען באופן דלשמה, כדי ס'זאל קענען זיין שפעטער די עבודה פון א אידן, פריער אין שלא לשמה, ביז מ'וועט צוקומען צו לימוד התורה לשמה].

עפי"ז וועט מען פארשטיין כמה פרטים בנוגע צו דעם וואס מ'האט גערעדט אין דעם פארברייינגען פון שבת (פ' במדבר) אין דעם פרק "קנין תורה" (בהתחלתו). וואס דארטן שטייט: "ר"מ אומר כל העוסק בתורה לשמה זוכה לדברים הרבה".

וואס אין דערויף איז דאך דא כמה דיוקים, ווי גערעדט פריער:

א) פארוואס הויבט אן ר"מ מיט דעם ענין פון עוסק בתורה לשמה, וואס דאס איז הכלית השלימות אין תורה; לכאו' האט ער געדארפט אנהויבן פון א נידעריקע דרגא אין לימוד התורה, און דערנאך רעדן וועגן א מדריגה נעליה, מן הקל אל הכבד,

און דא איז דער סדר פארקערט, ער הויבט אן מיט עוסק בתורה לשמה, און דערנאך זאגט ער "אמר ריב"ל בכל יום ויום בת קול יוצאת מהר חורב ומכרזת ואומרת אוי להם לבריות מעלבונה של תורה" (מ"ב), וואס דא איז דאך די כוונה ניט וועגן תורה לשמה נאר וועגן תורה בכלל [וואס דוקא דעמולט איז שייך צו זאגן אז אויב דאס איז ניטא, איז דאס "עלבונה של תורה", ווארום אויב דאס מיינט תורה לשמה, איז בשעת מ'לערנט תורה שלא לשמה קען מען דאך דאס ניט אנרופן "עלבונה של תורה"],

ועד"ז דאס וואס ער איז ממשיך (שם) "שאין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתלמוד תורה", גייט דאך דאס אויף יעדן עוסק בתורה, ניט נאר תורה לשמה - איז דאך ניט פארשטאנדיק פארוואס הויבט ער אן פריער מיט תורה לשמה, און ערשט דערנאך די נידעריקערע דרגות?

איז דער ביאור אין דערויף: דער סדר אין די משנה איז אזוי ווי דער סדר איז געווען בשעת מ"ת; פריער איז געווען דער ענין פון "אנכי ה' גו'", און דערנאך דער ענין פון "לא תענה ברעך וגו'", וואס דאס איז שוין פארבונדן מיט עלמא דשיקרא,

[וואס אין מקרא יוצא מידי פשוטו, כמבואר בארוכה אין תשובות הרשב"א (סתי"ח) אז ח"ו צו זאגן אז די כוונה פון תורה איז (נאר) ברוחניות הענינים, נאר אין מקרא יוצא מידי פשוטו, אז תפילין וכיו"ב, מיינט מען דאס כפשוטו, ועד"ז בנוגע צו "לא תענה ברעך כו'"].

און וויבאלד אז במ"ת איז געווען דער סדר באופן דמלמעלמ"ט, וכנ"ל אז ס'איז גלייך געווען באופן פון לשמה, דערפאר הויבט ער אן מיט "כל העוסק בתורה לשמה".

- ב) דער -

הנחה הה' בלתי מוגה

ב) דער לשון הרגיל איז "<u>לומד</u> תורה" וכיו"ב, איז ניט מובן וואס איז דער דיוק פון "עוסק (בתורה)"?

ג) לכאו׳ למאי נפק"מ צו וויסן אז "העוסק בתורה לשמה זוכה לדברים הרבה"; דאס וואס מ׳זאגט אז "אם בחוקותי תלכו", וועט מען האבן שכר אויף דערויף וכו׳, איז דאך דאס בכדי צו מזרז זיין אז מ׳זאל מקיים זיין הומ"צ, אבער וויבאלד אז דא רעדט מען וועגן דעם וואס איז עוסק בתורה <u>לשמה</u>, איז למאי נפק"מ צו וויסן אז ער וועט האבן שכר, אדרבה, אויב ער וועט פאלגן ר"מ׳ן און לערנען צוליב די זאכן, וועט דאך דאס <u>ניט</u> זיין קיין לימוד התורה לשמה?

ד) וואס איז דא דער דיוק "זוכה (לדברים הרבה)", דער לשון הרגיל בכ"מ איז דאך אז ער וועט האבן <u>שכר</u>, איז פארוואס זאגט ער דעם לשון "זוכה"?

ה) די משנה רעכנט עטליכע זאכן וואס לכאו׳ זיינען זיי ניט פארבונדן מיט דעם ענין פון תורה לשמה, ובפרט דער ענין פון "מרחקתו מן החטא", וואס לכאו׳ איז דאס ניט פארבונדן מיט תורה לשמה, אויף דערויף דארף מען ניט אנקומען צו תורה לשמה, ס׳איז גענוג דאס וואס ס׳שטייט פריער (פ"ג מ"א) "הסתכל בשלשה דברים ואין אתה בא לידי עבידה, מאין באת כו׳, ולאן אתה הולך כו׳, ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון", וואס דאס איז דאך א התבוננות פשוטה, און דורך דעם וועט ער שוין אויך זיין נזהר פון א חטא?

והביאור בזה (עכ"פ בנקודה): ר"מ זאגט כל <u>העוסק</u> בתורה לשמה (ניט לומד תורה, נאר עוסק בתורה), וואס "עוסק" מיינט אז ער לערנט בעמקות, און אין אן אופן פון עמל וכו׳, ווי מ׳זאגט "אם בחוקותי תלכו - שתהיו <u>עמלים</u> בתורה" (פירש"י ר"פ בחוקותי), משא"כ דער ענין פון לומד תורה (סתם), וואס דאס איז אפי׳ ווען ער לערנט און ביי אים פעלט דער ענין פון עמל און יגיעה.

און דאס איז ר"מ מדייק כל <u>העוסק</u> בתורה לשמה, וואס דער ביאור בזה איז אז ר"מ רעדט דא ניט צו דעם וואס ער לערנט תורה לשמה, נאר ער רעדט צו א צווייטן (וואס האלט נאך ניט ביי לשמה), כדי יענער זאל וויסן וואס טוט אויף לימוד התורה לשמה.

ווארום איינער קען דאך טראכטן אז וויבאלד יענער לערנט תורה לשמה, און ער לערנט אין אן אופן פון <u>עוסק</u>, אז דאס איז זיין גאנצער ענין, און אין דעם קאכט ער זיך - איז ער דאך א בטלן, און ער פארשטייט ניט אין וועלט זאכן, ווארום ער קאכט זיך ניט עסקנות ציבורית, נאר זיין גאנצער ענין איז עוסק בתורה לשמה, איז ווי קען מען פרעגן ביי אים אן עצה אין וועלט זאכן,

וואס פארשטייט ער אין פאליטיק, אדער אין מפלגות וכו׳, פרעגן אן עצה אין וועלט זאכן, דארף מען פרעגן ביי דעם וואס (איז טאקע א שומר תומ"צ, און ער לערנט תורה וכו׳, אבער ער) ווייסט אויך הידו דהאי עלמא, אבער היות ווי ער וויל ניט דערלאזן אז וועלט זאל זיך פירן אויף א ווילדן אופן, לערנט ער תורה כדי צו וויסן ווי אזוי צו פסק׳נן שאלות, וואס דאס איז ניט לימוד התורה לשמה, ווארום ער דארף האבן צוטאן מיט וועלט - במילא קען ער פרעגן ביי אים אן עצה אין וועלט זאכן, אבער ניט ביי דעם וואס לערנט תורה לשמה.

און אויך דעם זאגט ר"מ אז ס׳איז פונקט פארקערט: פון וועמען קען מען האבן "עצה ותושי׳", דוקא ביי דעם וואס לערנט תורה <u>לשמה</u>, און אין

- אן -

<u>הנחה הת׳ בלתי מוגה</u>

אן אופן וואס ער איז <u>עוסק</u> בתורה לשמה, אז דאס איז זיין גאנצער עסק, און ער האט ניט קיין אנדער עסק בעולמו.

ע"ד ווי ס'איז געווען בא משה רבינו אז "לא הי' פונה לעסקיו" (פירש"י יתרו יט, יד); פאר מ"ת האט משה רבינו געהאט כו"ב עסקים [וואס משה'ס עסקים זיינען געווען פארבונדן מיט עסקנות ציבוריות: דער עניין פון קי"ס; משה האט געדארפט געבן וואסער צו אידן; ווען ס'קומט עמלק ראווענט משה צום אויבערשטן, און ער הייסט יהושע'ן "בחר לנו אנשים"; ווען ס'קומט יתרו מאכט ער פאר אים א סעודה וכו'], איז דאס אלץ איז געווען <u>פאר</u> מ"ת, אבער ווען ס'איז געקומען צו מ"ת, זאגט מען אז משה לא הי' פונה לעסקיו, זיין גאנצער עניין איז נאר זאגן אידן דאס וואס דער אויבערשטער האט געזאגט, און איבערגעבן דעם אויבערשטן דאס וואס אידן זאגן, אז זיי זיינען מוכן צו קבלת התורה.

און דאס זאגט ר"מ אז דוקא דער וואס איז "עוסק בתורה לשמה", ביי אים קען מען פרעגן "עצה ותושי' בינה וגבורה".

און בשעת ער פדעגט ביי דעם וואס לערנט תודה לשמה, קומט ארויס דער "ונהנין ממנו עצה ותושי' בינה וגבורה". פרעגט ער לכאו' ווי קען דאס זיין, יענער לערנט דאך תורה לשמה איז ווי קען מען האבן פון אים עצה ותושי' וואס פאר א שייכות האט אן אלטער איד צו גבורה? אויף דעם זאגט ר"מ: ניין! אויב ער איז זיך עוסק בתורה לשמה, האט מען פון אים עצה תושי' בינה וגבורה.

און ניט נאר אז מ'באקומט פון אים עצה ותושי', נאר דאס איז אין אן אופן אז "<u>נהנין</u> ממנו", וואס דאס איז א מאדנער לשון, לכאו' האט ער געדארפט זאגן ומקבלים ממנו וכיו"ב? נאר ער וויל דא זאגן אז אע"פ אז לכתחלה דוכט זיך אים אז דאס איז אן עניין פון א גזידה, ווארום אמאל זאגט ער אז מ'דארף זאגן יענעם א שארפן ווארט, איז דאך דאס א שווערע זאך פאר א אידן, ווארום אידן זיינען דאך בטבע רחמנים ביישנים און גומלי חסדים, און אויף דעם זאגט ער אז ניט נאר אז מקבלים ממנו עצה והושי', נאר אז סוכ"ס וועט ער הנאה האבן פון דעם. און ניט נאר דער וואס פרעגט ביי אים וועט הנאה האבן, נאר בכלל איז נהנין ממנו.

פארוואס איז דאס אזוי - זאגט ר"מ ווייל עד איז "אוהב את הבריוה", און "משמח אח הבריוה", וואס לכאו' קען מען טראכטן אז וויבאלד ער איז דאך א עוסק בתורה, איז וועמען האט ער ליב און וועמען איז ער משמח - נאר אזוינע וואס זיינען כדוגמתו, די וואס זיינען זיך עוסק אין תורה; אויף דעם זאגט ר"מ: ניין! נאר ער איז "אוהב את <u>הבריות</u> ומשמח את <u>הבריות</u>".

אויב דאס איז איינער וואס לערנט תורה שלא לשמה, נאר כדי ער זאל קענען פסק'נען א שאלה, האט ער צוטאן נאר מיט אזעלכע וואס פארנעמען זיך אויך מיט לערנען תורה און פסק'נען שאלות, וואס מיט זיי קען ער זיך דורכריידן וועגן די שאלוה וכו', אבער מיט בריות - וואס בריות איז דאך ווי דער אלטער רבי טייטשט אפ (תניא פל"ב) אז זיי האבן ניט קיין מעלה מערניט דאס וואס זיי זיינען בריות פון דעם אויבערשטן - מיט זיי קען ער ניט האבן צוטאן; אבער דער וואס לערנט תורה לשמה, דערפאר ווייל דאס איז דעם אויבערשטנ'ס תורה, ער קען האבן צוטאן אפי' מיט די וואס די איינציקע מעלה וואס זיי האבן איז אז זיי זיינען דעם אויבערשטנ'ס בריות.

וע"ד הסיפור אז ר"א האט געטראפן א אדם מכוער ביותר, און ער האט ביי אים ארויסגערופן ער זאל זאגן "לך ואמור לאומן שעשאני" (תענית כ, רע"ב), אז ער האט די מעלה אז דער אויבערשטער האט אים באשאפן, ובמילא קען ער האבן צוטאן אפי' מיט בריות.

- און -

<u>הנחה הה' בלתי מוגה</u>

און וויבאלד אז ער איז עוסק בתורה לשמה, און אוהב את הבריות וכו', איז דאך א דבר בדור אז "לא יאונה לצדיק כל און" (משלי יב, כא), ובמילא בשעה ער גיט א עצה ותושי', איז ניט נאר אז דאס איז די ריכטיקע עצה ותושי', נאר ס'איז זיכער אז ס'וועט זיין "נהנין ממנו כו'".

דערנאך זאגט ער "ומרחקתו מן החטא", אז דער לימוד התורה לשמה העלפט נאר אז ס'זאל זיין "מרחקתו מן החטא", דאס מאכט אים נאר ווייט פון דעם עניין החטא, אבער כדי ס'זאל ניט זיין קיין עניין פון חטא בפועל, העלפט קיין שום זאך ניט, נאר ער דארף לערנען אויך כדי צו וויסן די הלכות, וויסן את המעשה אשר יעשה, ווארום "לא ע"ה חסיד" (אבות פ"ב מ"ה), און דאס וואס עד לערנט תודה לשמה, איז וויבאלד אז תורה "מגנא ומצלא" (סוטה כא, א), פועל'ט דאס מערניט אז (מרחקתו) דאס מאכט אים ווייט פון עניין החטא, אבער כדי ס'זאל ניט זיין קיין חטא בפועל דארף זיין ווי ער זאגט פריער "הסתכל בשלשה דברים וכו'", וואס דעמולט איז ניט מרחקתו מן החטא נאר "ואין אתה בא לידי עבירה", משא"כ תורה לשמה פועל'ט נאר אז "מרחקתו מן החטא".

דערנאך איז ממשיך ר"מ אז ס'איז דא דער דריטער סוג פון מענטשן, וואס בשעה זיי זעהן א אידן וואס לערנט תורה לשמה, און אעפ"כ זעהן זיי אז ער איז נקרא רע, אהוב, און מענטשן גיבן אים אפ כבוד וכו', קומט צו זיי דער יצה"ר און זאגט אז דערפון איז א ראי' אז ער איז א צבוע, און ער לערנט ניט קיין תורה לשמה, ווארום אויב ער וואלט געלערנט תורה לשמה, איז ווי אזוי באקומט ער כבוד?! דארף מען דאך זאגן אז ער האט עפעס געטאן צוליב דעם!

אויף דעם זאגט ר"מ אז דאס איז ניט קיין סתירה, נאר דער וואס לערנט תורה לשמה, איז בדרך ממילא פילען מענטשן אז ער לערנט תורה לשמה, און דערפאר גופא גיט מען אים אפ כבוד וכו', און ח"ו צו חושד זיין אים אז ער לערנט ניט תורה לשמה, נאר כדי שיקרא רב.

און דאס איז אויך דאס וואס ער זאגט "זוכה (לדברים הרבה)", וואס בנוגע צו שכר מצוה בכלל איז דא אין דערויף (כמובא אין של"ה (בין אחדון יב, א-ב)) צוויי שיטות: א) אז שכר המצוה איז שכר טבעי, אז אזוי האט דער אויבערשטער מטביע געווען, און דאס קומט בדרך סיבה ומסובב, ע"ד ווי ער זאגט "אתה החיית נפש העני" איז דערפאר וכו' (תנחומא משפטים טו), ב) אז שכר המצוה איז שכר סגולי, ס'איז טאקע ניט קיין שכר טבעי נאר סגולי - אבער אפי' לויט די שיטה אז דאס איז שכר סגולי, איז אבער זיכער אז די מצוה האט א שייכות מיטן שכר, ד.ה. אז דער שכר קומט אויף דער מצוה דוקא;

דערנאך איז דא א העכערער עניין, וואס דאס איז אז מ'גיט אים א עניין אלס א "זכוה", דערפאר וואס עבד לי' נייחא דנפשא, וואס דאס איז ניט קיין עניין פון שכר, נאר דאס קומט אין אן אופן פון זוכה, און דערפאר זאגט ניט ר"מ דעם עניין פון שכר, ווארום שכר האט א שייכות מיט די מצוה, ווי מ'זאגט "שכר מצוה מצוה" (אבות פ"ד מ"ב) ביז אז משכרה נדע מהותה (תניא פל"ט), משא"כ דער עניין פון זכות, אז מצד דעם עניין פון זכות באקומט ער א דבר נוסף.

ג. אין דעם שבת זיינען דאך עולה די ימי התשלומין פון חגה"ש, וואס דערפון איז דאך פארשטאנדיק אז דער שבת האט א שייכות לחגה"ש.

ובפרט ווי גערעדט אמאל בארוכה בנוגע ווי ס'איז איין שבת לגבי דעם צווייטן. וואס די ימי החול זיינען עולה בשבת שלאחריהם, אבער בנוגע שבת אליין קען זיין אויף צוויי אופנים: א) אין דעם שבת שלאחרי' איז דא נאך א העכער עלי'; ב) שבת אליין איז תכלית העלי', דארף ער ניט אנקומען צו א עלי' אין שבת שלאחריו.

עכ"פ בנוגע לעניננו, זאגט דאך דער אלטער רבי אין סידור אז ביז י"ב בסיון איז דאס תשלומין פון חגה"ש און מ'זאגט ניט קיין תחנון וכו', און י"ב בסיון איז עולה בשבת זו.

וואס דערפאר איז כאן המקום להוסיף בנוגע וואס ס'האט זיך גערעדט שבועות (וש"פ במדבר) וועגן דער משנה-ברייתא "קנין תורה", וואס הויבט זיך אן: רמ"א: כל העוסק בתורה לשמה וכו'.

[וואס די משנה האט דאך א שייכות מיוחדת מיט זמן מ"ת, ווארום בשעת זמן מ"ת, די עשה"ד, איז ביי אידן געווען אין אן אופן פון תורה לשמה, אן קיינע אנדערע תכליתים, ווארום על כל דיבור ודיבור פרחה נשמתם, ווי גערעדט שבועות בארוכה].

און מצד קוצר הזמן וועט מען ריידן בקיצור - נאר עטלעכע דיוקים:

א) צווישן די מעלות פון העוסק בתורה לשמה, רעכנט ער אויס "ומלבשתו ענוה ויראה". איז לכאו' ניט פארשטאנדיק פארוואס זאגט ער "ומלבשתו", וואס איז דער דיוק אין דעם? לכאו' איז דאך ענוה ויראה ענינים פון הנהגת האדם, אין דעם מענטשן אליין, ווי מ'זעט אז די ביידע ענינים ווערן אראפגעבראכט בסוף מס' סוטה - אלס ענינים פון הנהגת האדם. האט ער דא געדארפט זאגן א לשון ע"ד ווי "והוה צנוע", "ונעשה כמעין המתגבר וכו'", איז פארוואס זאגט ער "ומלבשתו"?

ובפרט אז "ומלבשתו" מיינט פונקט פארקערט אז ער איז ניט קיין עניו ויירא, ס'איז נאר מחוץ הימנו, וואס לכאו' האט ער געדארפט זאגן, וכנ"ל, "ונעשה עניו ויירא" - צי ירא ה', צי ירא חטא, צי ירא סתם.

דערנאך זאגט די משנה: "ומכשרתו להיות צדיק חסיד ישר ונאמן". וואס דער

דיוק הל' "ומכשרתו", איז ע"ד ווי געפרעדט בנוגע "ומרחקתו מן החטא ומקרבתו לידי זכות", אז תורה לשמה מאכט עס נאר ווייט מן החטא וכו', אבער בכדי צו זיין אפגעהיט בפועל מוז ער לערנען הלכות למעשה. ס'איז ניטא קיין אנדער וועג. מ'מוז לערנען הלכות ברכות הנהנין, הפסק בתפילה, מוקצה און הילכתא רבתא לשבתא.

און עד"ז בנוגע צדיק חסיד ישר ונאמן, איז פון לימוד התורה לשמה אליין ווערט עס ניט, נאר עס דארף זיין אן עבודה מיוחדת ס'זאל זיין אזוי.

ב) דערנאך זאגט ער: "ומוחל על עלבונו". וואס לכאו' איז דאס א מעלה גדולה. בשעת מ'איז זיך אבער מתבונן זעט מען אז ס'איז גארניט אזא גרויסע מעלה:

ס'שטייט אין ספרי מוסר (און געבראכט זעלטענע מאל אין חסידות) אז ס'איז געווען איינער א עובד האט ער געהאלטן ביי א מצב אז עס איז ניט געווען קיין חילוק צי מ'גיט אים עניניס פון כבוד בשופי אדער מ'איז אויף עם משתין.

און עד"ז שטייט אין צוואת הריב"ש - דעם בעש"ט'ס צוואה - אויף שויתי הוי' לנגדי תמיד אז "שויתי" מיינט אז אלע ענינים וואס ער האט מצד בנ"א דארפן זיין בא אים אין א השתוות.

איז אויב דורך תורה לשמה זיינען ביי עם אלע ענינים בהשתוות - איז דאך ניט שייך צו זאגן "ומוחל על עלבונו", ווארום מוחל על עלבונו מיינט אז די זאך הארט אים נאר ער איז מעביר על מידותיו און איז מוחל על עלבונו, אבער וויבאלד אז בא אים איז אלע ענינים בהשתוות איז ווי פאסט זאגן מוחל על עלבונו, פונקט ווי ס'איז ניט שייך צו זאגן ומוחל על כבודו - ווארום ביי עם איז אלץ בהשתוות?

ג) דערנאך זאגט ער: "ומגדלתו ומרוממתו על כל המעשים". דארף מען פארשטיין: דערפון וואס ער זאגט "ומגדלתו ומרוממתו" איז דאך משמע אז דאס זיינען צוויי ענינים. און פריער האלט ער ביי ומגדלתו דערנאך קומט ער צו נאך העכער - צו ומרוממתו; איז וויבאלד אז "ומרוממתו" איז מערער ווי "ומגדלתו" - האט ער געדארפט זאגן נאר "ומרוממתו" ווארום בכלל מאתיים מנה?

והביאור בזה:

אין מאמרים פון אלטן רבי'ן און פון צ"צ שטעלט מען זיך אויפן סיפור וועגן ריב"ז (ברכות כח, ב) אז כשחלה ריב"ז האט ער געוויינט, האבן אים די תלמידים געפרעגט: מפני מה אתה בוכה? האט ער געענטפערט אז היות ווי ס'זיינען דא שני דרכים, איינע וואס פירט צו ג"ע, און די צווייטע אין אן אנדער ארט, און היות ס'איז ביי עם א ספק צי ער האט (געטאן אלץ בשלימות (יוצא געווען י"ח?) לפי ערכו - איז ביי עם א ספק "באיזה דרך מוליכין אותי" און דערפאר וויינט ער -

פרעגט זיך די שאלה: ריב"ז האט געלעבט 120 יאר, אזוי ווי משה רבינו כדאיתא בספרי איז ווי קומט עס אז ביז יענעם טאג (געפינט מען ניט?) האט ער ניט געטראכט וועגן דעם? אין הכי נמי, דעמולט איז דאס ניט געווען נוגע צו די ב' דרכים - אבער ס'האט דאך געדארפט הארן מצד דעם עצם ענין צי ער טוט זיין עבודה כדבעי?

איז דער ביאור בזה: ביז דעמולט האט ער ניט געהאט קיין צייט צו טראכטן וועגן דעם. ווארום ווי ס'שטייט אין ספרי איז מ' שנה למד, ומ' - לימד, איז שטענדיק געווען פארנומען אדער מיט למד אדער מיט לימד, און מיט מנהיג זיין את ישראל און מתקן זיין תקנות וכו'.

בשעת אבער ס'איז געקומען דער טאג, האט ער געמוזט מפסיק זיין, ווארום אז ניט וואלט ניט געקענט זיין דער ענין [ווי די גמרא (שבת ל, ריש ע"ב) זאגט בנוגע דוד'ן אז כל זמן ער האט געלערנט האט מען אים ניט געקענט פארטשעפען

וכו'], איז דעמולט האט ער זיך א כאפ געטאן: מתי אעשה גם אני לביתי.

און עד"ז בשעת ער לערנט תורה לשמה, איז ניטא קיינע אנדערע ענינים, יע ענוה - ניט ענוה (ועד"ז בנוגע צו יראה?) - ער לערנט תורה לשמה! נאר וויבאלד אז ער דארף דאך זיין אוהב את הבריות ומשמח את הבריות [ווארום כל האומר אין לי אלא תורה אפילו תורה אין לו, אלא תורה וגמ"ח] וואס דאס זיינען ענינים וואס ווערן ניט פון זיך אליין, און ער דארף עפעס טאן צוליב דערויף, איז בשעת עס קומט צו ענינים פון מעשה - טוט עם תורה אן ("ומלבשתו") דעם ענין פון ענוה, און דערנאך ווען ער ענדיקט דעם ענין טוט ער דאס צוריק אויס, און ער זעצט זיך לערנען (און עד"ז בנוגע יראה?).

און דא זעט מען א דבר פלא, אז דאס זיינען ביידע ענינים וועלכע די גמ' זאגט בסיום מס' סוטה - ענוה ויראת חטא - וואס זיי זיינען מוכרח בכדי ס'זאל קענען זיין די גאולה, כנ"ל (שיחת ערב חגה"ש, יום ב' דחגה"ש ש.ז.) בארוכה.

און דא זעט מען אז ר' יוסף האט געזאגט לא תיתני ענוה דאיכא אנא - שאני ענוותן, איז דאס גופא האט ער געזאגט מצד ענוה, וואס מצד ענוותנותו האט ער געמיינט אז ענוה איז ביי עם (ניט אין אן אופן ווי ביי א לומד תורה לשמה - פון "ומלבשתו", נאר) באופן אז ער אליין איז אן עניו.

דאס וואס מ'זאגט אז "ומוחל על עלבונו", איז דאס דערפאר וואס זייענדיק א לומד תורה לשמה טוט ער ניט אין בירור וזיכוך המידות, איז במילא פילט ער דעם עלבון, ווארום ווי געזעדט פריער - ס'איז נאר מכשרתו להיות צדיק חסיד וגו'. און בכדי ס'זאל זיין מדות מבוררות דארף ער צוליב דעם טאן א עבודה מיוחדת;

נאר וויבאלד אז תורה איז "הלא כה דברי כאש", איז תורה עם מלבן ומזכך אז ער איז (אויב ער פילט דעם עלבון -) מוחל על עלבונו.

וואס דאס איז ע"ד ווי דער סיפור וועגן ר' זושא אניפאלער (דעם סיפור האב איך ניט געהערט פון שווער, אבער חסידים דערציילן אזוי) אז איינער א איד ביי וועמען ס'איז געווען א ירידה אין פרנסה, איז ער געקומען צום מגיד, פרעגן ווי ער זאל זיך פירן, האט דער מגיד עם געשיקט צו ר' זושא'ן. אז ער האט געזאגט ר' זושא'ן צוליב וואס דער מגיד האט עם צו עם - ר' זושא'ן געשיקט, האט ר' זושא [וואס ער איז געווען אן עני מדוכא (ביותר?) רחמנא ליצלן] עם געזאגט אז ער פארשטייט ניט נאך וואס דער מגיד האט צו עם געשיקט - עם פעלט דאך גארניט.

וואס דאס איז אן אופן ניט נאר וואס חייב אדם לברך וכו' לקבולי בשמחה - נאר ער פילט לכתחילה ניט אז עם פעלט עפעס.

אבער בכדי צוקומען צו דער מדריגה איז העלפט ניט דאס וואס ער איז לומד תורה לשמה נאר ס'דארף זיין אן עבודה מיוחדת, וכנ"ל, ער דארף פארן צו אים און לערנען זיך פון אים.

בנוגע וואס ער זאגט "ומגדלתו ומרוממתו" - איז דער חילוק ביניהם וועט זיין פארשטאנדיק פון דעם אפטייטש פון די ווערטער אליין:

גדול מיינט אז ס'איז בערך (פון זעלבן סוג?) נאר ס'איז גרעסער; מרומם מיינט אז ס'איז א חילוק באיכות, שלא בערך.

אבער דער ענין פון מרוממתו אליין איז ניט גענוג, ווארום וויבאלד ער איז דאך אוהב את הבריות דארף ער דאך האבן א שייכות צו זיי דערפאר מוז זיין אויך דער ענין פון מגדלתו אז ער האט א שייכות מיט זיי נאר ער איז העכער פון זיי.

<u>הנחה פרטית בלתי מוגה</u>

ובדוגמא פון א מלך, איז ער דאך משכמו ומעלה גבוה מכל העם, ד.ה. אז ער איז מרומם פון זיי, און קען ניט האבן קיין שייכות מיט זיי, דערנאך בשעת ער איז מקבל די מלוכה איז דאס פאר עם א ירידה ווארום ער ווערט בערך פון עם - נאר גדול מהם.

וואס דערפאר זעט מען ביי א מלך צוויי סוגי דינים, דינים וואס קומען מצד דעם ענין פון "גדול" שבו, און דינים ווי למשל, אסור להסתכל בפניו וואס קומען מצד דעם ענין פון מרומם שבו.

וואס יעדער איז דאך מחויב אין תלמוד תורה, און יעדער איז דאך געווען בא מ"ת, אין הר סיני, וואס דעמולט איז דאך געווען דער אופן הלימוד פון תורה לשמה, וואס דערפאר איז דער ענין דא בא יעדערערן ס'איז מער ניט וואס מ'דארף דאס מגלה זיין מהכח אל הפועל, און נאך מער מהעלם אל הגילוי.

און ס'ווערט דער ענין וואס ער זאגט מרחקתו מן החטא וואס בפשטות איז דאס וואס ישראל עושין תשובה ומיד הם נגאלין, און ביז דעם סיום הפרק ה' ימלוך לעולם ועד, און דעמולט איז מען זוכה צו תורתו של משיח וואס משיח ילמד תורה את כל העם, ווי ער זאגט ישקני מנשיקות פיהו, בגאולה האמיתית והשלימה בקרוב ממש.